**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2025/23/1 **גאווערנער קעטי האקול**

**וואס זיי זאגן: ערווייילטע בעאמטע, לעיבאר יוניאן פירער, שולע הנהלות און קאמיוניטי שתדלנים שטיצן גאווערנער האקול'ס שטופ צו באגרעניצן סמארטפאון באנוץ אין שולעס אריבער די סטעיט**

נעכטן האט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) אנגעהויבן איר שטופ צו באגרעניצן סמארטפאָון באנוץ אין שולעס פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס אריבער די סטעיט, נאכפאלגנדיג די ארויפברענגונג פון איר געזעץ פארשלאג צו פארזיכערן אז שולעס זענען פריי פון שטערונגען אין ניו יארק אלס טייל פון די פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026. די גאווערנער האט ארויסגעהויבן אז די פארשלאג איז געבויט אויף די קאמענטארן וואס זענען דערהערט געווארן דורכאויס איר סטעיט-ברייטע 'אויסהערן טור' אין לויף פון די פארגאנגענע יאר פון שילער, עלטערן, לערער, געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט שתדלנים און געזעץ אינפארסירונג בעאמטע — אלע פון וועלכע וועלן פארזעצן צו זיין טייל פון די אונטערנעמונג.

**סטעיט סענאטארשע און פארזיצערין פון די סענאט עדזשוקעישן קאמיטע (Committee on Education), Shelley B. Mayer (שעלי ב. מעיער), האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול)'ס באמיאונגען צו אדרעסירן די ערנסטע נעגאטיווע ווירקונגען פון סעלפאון באנוץ אין אונזערע שולעס און אויף אונזערע שילער. מיר האבן געזען א קלארע קשר צווישן סעלפאון באנוץ און אן אפשוואכונג אין די גייסטישע געזונטהייט און לערנען הצלחה פון שילער צוליב זאכן וואס נעמען אוועק זייער קאפ און צוליב א באגרעניצטע מעגליכקייט זיך צו קאנצענטרירן, וויניגער געזעלשאפטליכע אקטיוויטעט און עמאציאנאלע שוועריגקייטן. איך בין אויך דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס פארשטאנד אז די פלאן וועט פאדערן נאך הילפס-מיטלען צו איינפירן. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער און מיט מיינע קאלעגן צו זיכער מאכן אז דיסטריקטס האבן בויגזאמקייט כדי זיי זאלן קענען איינפירן די פלאן אין א וועג וואס ארבעט דאס בעסטע פאר זייערע שילער, איינגעשטעלטע און קאמיוניטיס."

**סענאטאר Brad Hoylman-Sigal (ברעד האָילמאן-סיגעל) האט געזאגט,** "אלס עלטערן פון א 14-יעריגע טאכטער, פארשטיי איך וויאזוי טעלעפאנען זענען געווארן א שטער אין די לערנען אטמאספערע. די כלים האבן א קלארע ווירקונג אויף די גייסטישע געזונטהייט פון יונגע מענטשן און אויף זייער מעגליכקייט זיך צו קאנצענטרירן. און דערפאר האב איך ארויפגעברענגט א ביל פריער דאס יאר צו פארבאטן די באנוץ מיט סעלפאונס און סמארט כלים ווען שילער זענען אין קלאסצימער. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אנערקענען די ערנסטקייט פון די פראבלעם און פארן ארייינלייגן אן ענליכע נוסח אין איר עקזעקיוטיוו בודזשעט. איך בין אויך דאנקבאר אז איר איניציאטיוו נעמט אין באטראכט די זיכערהייט זארגן פון עלטערן און וועט ווייטער ערלויבן קינדער צו נוצן זייערע טעלעפאנען ביים פארן צו און פון שולע. איך קוק ארויס צו שטימען אין שטיצע פון די גאווערנער'ס פארשלאג אין די פיסקאלע יאר 2025-26 בודזשעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Michaelle Solages (מיקאַעל סאלאַזש) האט געזאגט,** "דאס שאפן א לערנען אטמאספערע פריי פון שטערונגען איז יסודות'דיג פאר אונזערע שילער צו בליהען ביים לערנען.

גאווערנער Hochul (האקול)'ס פלאן צו אוועקשטעלן קלארע כללים פאר סמארטפאון באנוץ אין שולעס האט די ריכטיגע באלאנס צווישן לייגן פריאריטעט אויף די עדזשוקעישען בשעת'ן אדרעסירן דאס אז עלטערן/אויפציהער זאלן קענען צוקומען [צו די קינדער]. די אינציאטיוו איז א קריטישע טריט צו שטיצן שילער'ס אקטיווע באטייליגונג, גייסטישע וואוילזיין און הצלחה אין די קלאסצימער."

**אסעמבלי מיטגליד Harvey Epstein (הארווי עפּסטין) האט געזאגט,** "עס איז דא א וואקסנדע הסכמה צווישן רעגירונג בעאמטע, קינדער דאקטוירים, גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן און מחנכים אז סעלפאון באנוץ אין שולעס האט נעגאטיווע השפעות אויף די שילער'ס מעגליכקייט זיך צו קאנצענטרירן אויפן לערנען און שטעלט זיי אויס צו שטערונגען וועלכע קענען שעדיגן זייער גייסטישע געזונטהייט. איך אפלאדיר די גאווערנער'ס וויליגקייט צו פאראדרענען דיסטריקטס צו אננעמען א פאליסי פארבאטנדיג די באנוץ מיט סעלפאונס דורכאויס קלאסצימער שיעורים. מיר מוזן זיכער מאכן אז אונזערע שולעס זענען פלעצער וואס שטיצן דאס לערנען און באשיצן שילער'ס גייסטישע געזונטהייט."

**אסעמבלימאן Charles Fall (טשארלס פאָל) האט געזאגט,** "אלס א טאטע פון צוויי טעכטער, האב איך געזעהן ווי שטארק סמארטפאון באנוץ קען אריינדרינגען אין אונזערע טאג-טעגליכע לעבנס און וויאזוי עס ווירקט אויף אונזערע קינדער'ס מעגליכקייט זיך צו קאנצענטרירן און זיך צו פארבינדן מיט די וועלט ארום זיי. גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאג צו באגרעניצן סמארטפאון באנוץ אין שולעס איז א דורכגעטראכטע און באוויזן-באזירטע טריט אין ריכטונג פון פארזיכערן אז אונזערע קלאסצימערן זענען פלעצער פאר לערנען, שעפערישקייט און פערזענליכע וואוקס. די אינציאטיוו שטעלט די שילער'ס גייסטישע געזונטהייט און הצלחה ביים לערנען אין פארנט, און איך בין שטאלץ צו שטיצן די אונטערנעמונג צו שאפן א לעכטיגערע צוקונפט פאר אונזערע שולעס און פאמיליעס."

**אסעמבלי מיטגלידערין Yudelka Tapia (יודעלקא טאפּיא) האט געזאגט,** "די גאווערנער'ס פארשלאג צו באגרעניצן סעלפאון באנוץ אין שולעס איז א קריטישע טריט פאראויס צו פארבעסערן גייסטישע געזונטהייט פאר סיי שילער און סיי לערער. דורכן שאפן אן אטמאספערע וואו דאס לערנען און שעפערישקייט קענען בליהען — אדרעסירט די אינציאטיוו איינס פון די הויפט שוועריגקייטן אין היינטיגע חינוך. איך טוה באזונדערס אפלאדירן די בודזשעט צוטיילונגען צו שטיצן שולעס ביים איינפירן די טוישן ווירקזאמערהייט. שולעס וועלכע האבן שוין אנגענומען די פּאליסי וויזן פאזיטיווע רעזולטאטן, אויפווייזנדיג די פאטענציאל פון די מאדעל פאר הצלחה אריבער די סטעיט. צוזאמען קענען מיר פארזיכערן בעסערע חינוך'דיגע תוצאות און א געזונטערע שולע אטמאספערע פאר יעדן."

**אסעמבלי מיטגליד Bill Conrad (ביל קאַנרעד) האט געזאגט,** "אלס עלטערן פון פיר יונגע קינדער און אלס א לערער פאר 20 יאר, האב איך געזעהן ערשטהאנטיג די שעדליכע השפעות פון צופיל סעלפאון באנוץ אויף שילער. די לערנען אין קלאסצימער באקומט נידעריגע פריאריטעט פאר קינדער מיט די שטערונגען וואס זיי האבן — צו באדאנקען כסדר'דיגע נאָטיפיקעישענס, אומאויפהערנדע טעקסטינג, שטארקע קאנצענטראציע אויף זייער סאָושעל מידיע און א בארעכטיגטע זארג איבער טשעפערייען אויף די אינטערנעט. אומנויטיגע פראבלעמען און קינדער נישט אננעמנדיג אויטאריטעט געשעהען אין קלאסצימערן ווען די שולעס האבן נישט קיין איינהייטליכע פּאליסיס, און פילע פון די בירגער אין מיין דיסטריקט מיט וועם איך האב גערעדט ווילן האבן סטעיט-ברייטע סטאנדארטן אין פלאץ צו פארזיכערן לערנען פריי פון עלעקטראנישע שטערונגען פאר אונזערע קינדער. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן מיטטיילן די ציהל און פאר איר וויליגקייט צו צוטיילן סטעיט פינאנצירונג צו העלפן שולעס שאפן א זיכערערע, מער ווירקזאמע לערנען אטמאספערע פאר יונגע מענטשן."

**אסעמבלי מיטגליד Manny De Los Santos (מעני דע לאס סענטאָוס) האט געזאגט,** "אלס עלטערן, א געזעצגעבער און סאָושעל וואָרקער אין שולע, האב איך געזעהן ערשטהאנטיג די שוועריגקייטן וואס סמארטפאונס שטעלן פאר חינוך. גאווערנער Hochul (האקול)'ס אינציאטיוו מאכט זיכער אז

אונזערע שולעס זענען פלעצער פון לערנען, בשעת'ן נאכאלץ גיבן א רואיגע געוויסן פאר עלטערן. עס איז א שכל'דיגע צוגאנג וואס לייגט אונזערע קינדער'ס גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין קודם."

**אסעמבלי מיטגליד Brian Cunningham (ברייען קאָנינגעהעם) האט געזאגט,** "די פארשלאג האט די ריכטיגע באלאנס צווישן פארשטערקערן קלאסצימער זיכערהייט און פארזיכערן אז עלטערן קענען אנקומען צו זייערע קינדער ווען זיי זענען אין שולע. דורכן גיבן הילפס-מיטלען און בויגזאמקייט פאר שולעס, טוט גאווערנער Hochul (האקול) אויסשטאטן מחנכים און שילער מיט די כלים וואס זיי דארפן צו מצליח זיין און פארבעסערן די תוצאות פונעם לערנען."

**אסעמבלי מיטגליד George Alvarez (דזשארדזש אלווארעז) האט געזאגט,** "די איניציאטיוו אדרעסירט איינס פון די מערסט דרוקנדע אנגעלעגנהייטן אין אונזערע שולעס היינט וואס ווירקט אויף דאס לערנען פון שילער. מיר מוזן טוהן אלעס מעגליך צו האלטן שילער אריינגעלייגט אין דאס לערנען און מינימיזירן דיגיטאלע שטערונגען אין די קלאסצימער. גאווערנער Hochul (האקול)'ס פלאן וועט נישט נאר פארבעסערן די לערנען רעזולטאטן, נאר עס וועט אויך שטיצן די גייסטישע וואוילזיין פון אונזערע שילער."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו, Dan McCoy (דען מעקקאָי) האט געזאגט,** "סעלפאונס זענען געווארן א באדייטנדע שטער אין חינוך, און די פארשלאג וועט נישט נאר שאפן א מער מוצלח"דיגע לערנען אטמאספערע, נאר עס וועט אויך שטופן פאר בעסערע גייסטישע געזונטהייט אזוי ווי שילער וועלן נישט פילן די דראנג צו זיין כסדר פארבינדן [צו סאָושעל מידיע א.ד.ג.]."

**סיטי אָוו איטעקע מעיאר, Robert Cantelmo (ראבערט קאנטעלמאָו), האט געזאגט,** "מיר האבן געזעהן איינמאל און נאכאמאל אז מיר קענען זיך נישט פארלאזן אויף אנגעוויזן צו גיבן א העכערע פריאריטעט פאר אונזערע קינדער ווי זייערע פארדינסטן. גאווערנער Hochul (האקול) נעמט א פעסטע שטאנד צו לייגן דאס לערנען און אונזערע חינוך'דיגע אטמאספערעס קודם דורכן גיבן די כוח פאר הנהלות צו האלטן אדיקטיווע סעלפאון באנוץ ארויס פון די קלאסצימער. איך בין דאנקבאר צו זעהן די גאווערנער צוזאמפארנדיג די איניציאטיוו מיט 13.5 מיליאן דאלאר אין פארגעשלאגענע פינאנצירונג צו ארויסהעלפן מיטן עס איינפירן."

**ניאגרא פאָלס CSD סופּעראינטענדענט, Mark Laurrie (מארק לאורי), האט געזאגט,** "אלס א סופּעראינטענדענט, בין איך דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס פירערשאפט ביים זיך באנעמען מיט די גאר וויכטיגע אנגעלעגנהייט. מיר האבן אלע אסאך ארבעט צו טוהן, אבער ביים סוף וועלן שולעס און אונזער סטעיט ארויסקומען בעסער דורך דעם."

**מעין ענדוועל CSD סופּעראינטענדענט, Jason Van Fossen (דזשעיסאן וואן פאסען), האט געזאגט,** "אין מעין-ענדוועל, גלויבן מיר אז דאס עלימינירן דרויסנדיגע שטערונגען איז גאר וויכטיג צו פאראויס שטופן אונזער מיסיע פון צושטעלן אן ערשט-קלאסיגע חינוך'דיגע ערפארונג פאר יעדן שילער. אין 2022, נאכפאלגנדיג די וואקסנדע באנוץ פון טעלעפאן אפאראטן אין שולעס אריבער דאס לאנד, האט אונזער דיסטריקט אונטערגענומען פאראויסיגע שריט דורכן מאכן ענדערונגען צו אונזערע אפיציעלע אויפפירונג תקנות צו באגרעניצן אזעלכע כלים (אריינרעכענענדיג סמארטפאונס, זייגערס א.ד.ג.) דורכאויס אלע צייטן פון לערנען. מיר שטיצן די גאווערנער ביים אונטערנעמען שריט צו זיכער מאכן אז די חינוך און זיכערהייט בלייבן די ערשטע פריאריטעט אין אונזערע שולע געביידעס."

**גריס צענטראלע סקול דיסטריקט (Central School District, CSD) סופּעראינטענדענט, Jeremy Smalline (דזשערמי סמאָלליין), האט געזאגט,** "די גריס צענטראלע סקול דיסטריקט שטיצט די גאווערנער'ס שטערונג-פרייע שולעס פּאליסי פארשלאג ( Distraction Free Schools Policy). אין צוגאב צו די זארגן וועלכע זענען אנגעמערקט געווארן דורך די גאווערנער אין באציאונג צו די

קשר צווישן גייסטישע געזונטהייט און הצלחה ביים לערנען מיט צופיל צייט אויף סקרינס — ווילן מיר צולייגן אז זארגן איבער אויפפירונג זענען געווען א באדייטנדע עלעמענט וואס האט באאיינפלוסט אונזערע באשלוסן. באווייזן האבן אנגעוויזן אויף סעלפאונס אלס א כליי וואס פארערגערט פראבלעמאטישע אויפפירונג, אריינרעכנענדיג טשעפען. סטראטעגישע פלאנירונג און קאמוניקאציע זענען געווען קריטיש ביים אריינברענגען די אינציאטיוו אין קראפט אין גריס. עס איז בכלל נישט געווען פריי פון פעלער, אבער די צייט וואס מיר האבן אריינגעלייגט צו שרייבן די פאליסי, אויספארשן די השפעה פון סעלפאון באנוץ אויף צענערלינגען און מיטן קאמוניקירן מיט די באורד און קאמיוניטי זענען געווען עקסטרעם בייהילפיג. אין די פארגאנגענע פאר חודשים, האבן מיר געגעבן פרעזענטאציעס איבער די אנטוויקלונג און איינפירונג פון אונזער פאליסי עטליכע מאל, אריינרעכנענדיג סעסיעס מיט די מאנראו קאונטי סקול סופעראינטענדענטס אסאָוסיעישען ( Monroe County School Superintendents Association) און די מערב ניו יארקע מידל סקול פרינציפעלס אסאָוסיעישען ( Western NY Middle School Principals Association)."

**בינגעהעמטאן CSD סופעראינטענדענט, Tonia Thompson (טאָניע טאמפסאן), האט געזאגט,** "שולעס און קלאסצימערן זענען א פלאץ וואו שילער דארפן זיין אריינגעטוהן אין לערנען מיט זייערע לערער און חברים אן אוועקגענומען ווערן די קאפ דורכן קוקן אויף מעסעדזשעס און סאָושעל מידיע אויף א סעלפאון. זינט די בינגעהעמטאן סיטי סקול דיסטריקט האט איינגעפירט א טעלעפאן-פרייע פאליסי אין אונזער היי סקול און אונזערע מידל סקולס, זענען די קאנצענטראציע און באטייליגונג פון אונזערע שילער מערקווירדיג ארויף. דאס האט אויך ארויסגעהאלפן מיטן פארווירקליכן די דיסטריקט'ס מיסיע פון פארזיכערן אז לערנען פלעצער שטיצן די קינדער צו גלויבן אין זיך, צו פילן ווי זיי באלאנגען און צו וואקסן. דאס האבן א פאליסי אין אלע שולעס אריבער ניו יארק וועלן העלפן שטיצן בעסערע תוצאות פאר אלע שילער."

**וועסטעל CSD סופעראינטענדענט, Clifford Kasson (קליפארד קעסאן), האט געזאגט,** "ביי די וועסטעל צענטראל סקול דיסטריקט האבן מיר אנגעהויבן א פלאן צו באגרעניצן שילער'ס פערזענליכע אפאראטן אין אונזער מידל סקול און היי סקול. ביי ביידע שולעס האבן מיר געזעהן א באדייטנדע פארמערונג אין די שילער'ס לערנען און זיך באטייליגן אין די לעקציעס. אונזערע לערער קענען אויסלערנען און אונזערע שילער ווערן וויניגער אוועקגענומען די קאפ און אוודאי מער פארנומען מיטן לערנען. מיר האבן געזעהן אז שילער האבן וויניגער געדארפט דיסציפלינירט ווערן צוליב סאָושעל מידיע רדיפות און טשעפערייען. אין אלגעמיין, איז דאס געווען א הצלחה, און מיר וועלן פארזעצן מיט די קאנצענטראציע אויף די שילער זייענדיגע אריינגעטוהן אין די לערנען מיט וויניגער צוטריט צו פערזענליכע כלים דורכאויס די סקול טאג. איך בין פריייליך אז די באמיאונגען וועלן אויסגעברייטערט ווערן אריבער ניו יארק סטעיט."

**וועסטעל CSD פרינציפעל, Sarah Wiggins (סערע וויגינס), האט געזאגט,** "דאס ארויסנעמען סמארטפאונס פון קלאסצימערן אין ניו יארק סטעיט וועט שאפן א זיכערע און שטערונג-פרייע פלאץ וואס וועט ערלויבן שילער צו וואקסן צו זייער פולע פאטענציאל."

**קאונסיל פון סקול סופערווייזערס און אדמיניסטראטארן ( Council of School Supervisors and Administrators, CSA) פרעזידענט, Henry Rubio (הענרי רוביאו), האט געזאגט,** "סקול פירער ווייסן ערשטהאנטיג אז די איבערגעטריבענע באנוץ מיט סעלפאונס קענען האבן שעדליכע ווירקונגען, אריינרעכנענדיג שטערן אין שולע און אוועקנעמען די קאפ פון לערנען. CSA האט אפגעהאלטן באגעגענישן מיט די גאווערנער'ס מאנשאפט צו שתדל'ן פאר א סעלפאון פאליסי וואס איז שכל'דיג פאר ניו יארק סיטי שולעס און צו ארויסהייבן די שוועריגקייטן צו עס צו אינפארסירן. מיר גלויבן אז עס מוזן זיין איינהייטליכע כללים פארן צוזאמנעמען טעלעפאנען צוזאמען מיט באדייטפולע מאסנאמען זיך צו אפגעבן מיט שילער וועלכע איגנארירן די פארבאט, און מיר זענען פרייליך אז די פארשלאג פארלאנגט אז עס זאל

בלייבן א וועג פאר עלטערן זיך צו פארבינדן מיט שילער דורכאויס די טאג. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו ענדיגן שרייבן א ביל וואס שטיצט שולעס מיט די נויטיגע פינאנצירונג און איינגעשטעלטע דאס צו קענען ערפאלגרייך איינפירן."

**Teamsters Local 237 פרעזידענט, Gregory Floyd (גרעגארי פלאָיד), האט געזאגט,** "ווען עס קומט צו שילער'ס סעלפאונס אין פובליק סקולס, האבן מיר געזעהן די מצב איןביידע וועגן: זיי זענען נישט געווען אונטער מעיאר Bloomberg (בלומבערג). DeBlasio (דעבלאַזיאָו) האט זיי צוריקגעברענגט. זאכן האבן געארבעט בעסער אן זיי. יעצט, ווי פארגעשלאגן דורך גאווערנער Hochul (האקול), וועלן נישט זיין קיינע שטערונגען און עס וועט זיין מער לערנען."

**גרונדער פון Phone Free NY און טעכנאלאגישע CEO, Raj Goyle (ראַזש גאָיל), האט געזאגט,** "איך קען זעהן אז פאר מיין טאכטער, א שילערין ביי א טעלעפאן-פרייע שולע, פירט דאס נישט קוקן אויף איר טעלעפאן אין שולע צו ווייניגער צייט אויף סקרינס אינדערהיים. א לערנען אטמאספערע וואס איז פריי פון שטערונגען איז פשוט א שכל'דיגע פאליסי וואס בענעפיטירט יעדן איינעם."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון The SustainableMedia.Center, Steven Rosenbaum (סטיווען רויזענבוים), האט געזאגט,** "די Sustainable Media Center ארבעט מיט יונגע מענטשן, טעכנאלאגישע עקספערטן און עלטערן צו טרעפן וועגן צו שאפן א זיכערע און געזונטע סביבה פאר יונגע מענטשן. עס איז קלאר אז אזוי לאנג וואס די טעכנאלאגיע פלאטפארמעס וועהלן אויס זייערע פארדינסטן העכער מענטשן און צו ארויסברענגען אויפגערעגונג אין באניצער כדי צו פארקויפן אדווערטייזמענטס, וועט די מצב פון סאָושעל מידיע זיין סכנות'דיג פאר יונגע מענטשן. עס איז קליפ און קלאר אז טעלעפאן-פריי שולעס איז אן אינציאטיוו וואס מוז אריינגעברענגט ווערן, און מיר אפלאדירן די גאווערנער פארן אונטערנעמען די דייטליכע און וויכטיגע טריט."

**די Long Island Coalition Against Bullying (לאנג איילענד קאאליציע קעגן טשעפען) גרונדער און עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Joseph A. Salamone (דזשאָוסעף א. סאלאמאון), האט געזאגט,** "דורכן באגרעניצן סמארטפאון באנוץ דורכאויס די סקול טאג, טוהען מיר שאפן זיכערע פלעצער וואס קאנצענטרירן זיך אויף די הצלחה ביים לערנען, מוטיגן אקטיווע באטייליגונג, שטיצן קשרים מיט אנדערע און גיבן פריאריטעט פאר גייסטישע וואוילזיין. די אונטערנעמונג העלפט נישט נאר שילער זיך קאנצענטרירן אויף זייער עדזשוקעישען, נאר עס שטיצט אויך קריטישע געזעלשאפטליכע און עמאציאנאלע וואוקס, רעדוצירנדיג פאטענציאלע זאכן וואס פירן צו טשפען וואס קענען ארויסקומען פון דיגיטאלע אקטיוויטעטן אן השגחה. איך אפלאדיר די גאווערנער פארן אונטערנעמען די נויטיגע טריט צו בעסער באשיצן אונזערע קינדער."

**EAC Network פרעזידענט און CEO, Neela Mukherjee Lockel (נילע מוקהערדזשי לאקעל), האט געזאגט,** "די EAC Network שטיצט די גאווערנער'ס באמיאונגען צו באגרעניצן סמארטפאון באנוץ אין שולעס און פארזיכערן שטערונג-פרייע לערנען אין שולעס אריבער ניו יארק סטעיט. עלטערן און פאליסי שרייבער מוזן ארבעטן צוזאמען צו שטיצן טעלעפאן-פרייע פאליסיס. עלטערן האבן א וויכטיגע ראלע צו שפילן: צו העלפן שולעס גיבן פריאריטעט פאר חינוך קעגן שטערונגען. דייטליכע שריט איז נויטיג יעצט צו באשיצן אונזערע שילער פון די גייסטישע און לערנען שאדנס פון עפס, 'לייקס' און 'סווייפס'."

**Family & Children's Association פרעזידענט און CEO, Jeffrey L. Reynolds (דזשעפרי ל. רענאלדס), האט געזאגט,** "קוקנדיג אויף וואס מיר ווייסן איבער סאָושעל מידיע'ס השפעה אויף קינדער'ס גייסטישע געזונטהייט און איבער די וועגן וויאזוי סעלפאון באנוץ שטערט דאס לערנען — שטיצן מיר ענטוזיאסטיש גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארגעשלאגענע פארבאט אויף סעלפאונס דורכאויס

שולע. א סטעיט-ברייטע פארבאט – צוזאמען מיט אן אינוועסטירונג אין מיטלען צו העלפן שולעס איינפירן דעם נייעם געזעץ – וועט דאס גרינגער מאכן פאר לערער און שולע מנהלים איבעראל צו איינפירן און אינפארסירן די באגרעניצונגען, בשעת'ן שטיצן עלטערן וועלכע פארשטייען די בענעפיטן וואס קומען פון א טעלעפאן-פרייע טאג אין שולע."

**Youth Enrichment Services (YES) טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער, MaryAnn Pfeiffer (מעריען פפייפער), האט געזאגט,** "YES איז באגייסטערט אז גאווערנער Hochul (האקול) שלאגט פאר צו באגרעניצן סעלפאון באנוץ אלס א סטראטעגיע צו האנדלען מער ווירקזאמערהייט מיט סעלפאון באנוץ פון שילער דורכאויס די טאג אין שולע. סעלפאון באנוץ דורכאויס די טאג אין שולע שטעלט שוין א פראבלעם פאר א היבשע צייט, נישט נאר ווען עס קומט צו די שילער'ס הצלחה ביים לערנען נאר אויך אלס א זיכערהייט און גייסטישע געזונטהייט זארג. אומבאגרעניצטע באנוץ מיט טעקסטינג, סאָושעל מידיע אקטיוויטעטן און אנדערע אקטיוויטעטן וואס האבן נישט צו טוהן מיט שולע קענען פירן צו פארפאסן וויכטיגע קלאס אינהאלט, פירנדיג צו שוואכערע הצלחה אין שולע. עס קען אויך פירן צו טשעפערייען און באליידיגונג אויפן אינטערנעט, שילער פילנדיג אז זיי פארפאסן (feelings of missing out, FOMO), דעפרעסיע, אנגעצויגקייט און אנדערע נעגאטיווע גייסטישע געזונטהייט השפעות. דאס גיבן פאר שילער א 'פויזע' פון סעלפאון באנוץ פאר אפאר שעה א טאג וועט פירן צו פאזיטיווע ווירקונגען אויף די הצלחה ביים לערנען, געזעלשאפטליכע אקטיוויטעטן און באציאונגען פנים אל פנים און פארבעסערטע גייסטישע געזונטהייט אין אלגעמיין. אונזער אגענטור און איינגעשטעלטע זענען באגייסטערט צו שטיצן די אינציאטיוו און קוקן ארויס עס צו איינפירן אין אונזערע עפטער-סקול, אוונט און זומער פראגראמען."

**פון די גרינדער פון The Sophie Fund, Scott MacLeod (סקאט מעקליאד), האט געזאגט,** "The Sophie Fund איז זייער דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר אירע שטארקע באמיאונגען צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן וואס אונזערע יונגע מענטשן שטייען אויס. די גאווערנער'ס אינציאטיוו צו באגרעניצן די באנוץ מיט סמארטפאונס אין שולעס איז א קריטישע טריט צו האלטן אונזערע קינדער קאנצענטרירט אויף קלאס ארבעט און זיכערער פון די שאדנס וואס קומען פון צופיל דיגיטאלע אקטיוויטעט אין די היינטיגע יונגווארג קולטור. מיר ווייסן אז סמארטפאון באנוץ איז א כסדר'דיגע שטער פאר שילער און לערער דורכאויס די טאג אין שולע. מיר ווייסן אויך אז אדיקטיווע אינהאלט און אקטיוויטעטן סאָושעל מידיע האבן א קשר מיט דעפרעסיע, אנגעצויגנקייט, איינזאמקייט, טשעפען אויף די אינטערנעט און אפילו געדאנקען פון זיך נעמען דאס לעבן. דיגיטאלע קאמוניקאציע דורך טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע און פארשפרייטע כלים ווי סמארטפאונס איז א פארהעלטנסמעסיג-נייע און גאר מאכטפולע קראפט אין די געזעלשאפט. טראץ די פילע בענעפיטן דערפון, שטעלט עס טיפע שוועריגקייטן צו די געזעלשאפטליכע און עמאציאנאלע אנטוויקלונג פון קינדער. נאך מער פון זיין דאנקבאר פאר די פאראויסגעזעהענע טאג-טעגליכע פראקטישע השפעה — באגריסן מיר גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאג אלס א רוף פאר עלטערן, שולע איינגעשטעלטע און אלע פראפעסיאנאלן וועלכע באדינען יונגווארג צו אונטערנעמען שריט צו פארשטערקערן די ארבעט פון היטן אויף די גייסטישע וואוילזיין פון קינדער וואס וואקסן אויף אין אונזער וואקלדיגע דיגיטאלע עפאכע."

**CEO פון The Children’s Agenda, Larry Marx (לערי מארקס), האט געזאגט,** "The Children’s Agenda גלויבט אז באגרעניצן סעלפאון באנוץ דורכאויס די צייט אין שולע איז א ווערדיגע ציהל און אז עס וועט זיין באזונדערס בייהילפיג צו פארמינערן טשעפערייען און פארבעסערן הצלחה ביים לערנען, ספעציעל פאר שילער וואס קומען פון שטיבער מיט נידעריגע איינקונפט. מיר אפלאדירן די גאווערנער'ס באשלוס צו צוטיילן געלטער פאר די איינפירונג כדי צו זיכער מאכן אז שולעס וועלן נישט ליידן פון אומגעוואונטשענע קאנצעקווענצן צו זייערע בודזשעטס, און אזוי אויך פארן פינאנצירן איר 'Unplug and Play' (אויסשאלטערן און שפילן) אינציאטיוו צו אויסברייטערן געזעלשאפטליכע אקטיוויטעטן און קשרים וועלכע ערזעצן די איבערגעטריבענע באנוץ פון סאָושעל מידיע מיט פארמערטע צוטריט צו שפיל ערטער און פארווייליגנג פראגראמען. מיר רופן אויך אויף די סטעיט צו פארמיידן

אומגעוואונטשענע קאנסעקווענצן צו שילער דורכן זיכער מאכן אז סעלפאון באנוץ אליין ווערט נישט א פארלעצונג [פון שולע תקנות] וואס קען פירן צו ווערן אהיימגעשיקט."

**לעיק שאור צענטראלע סקול דיסטריקט סופּעראינטענדענט, Daniel W. Pacos (דעניעל וו. פאקאָס), האט געזאגט,** "אלס א פובליק סקול סופּעראינטענדענט, אפלאדיר איך גאווערנער Hochul (האקול)'ס באשלוס צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייטן וועלכע ווערן פאראורזאכט דורך סעלפאון באנוץ דורך שילער אין אונזערע שולעס. אנגעהויבן פון פשוט אוועקנעמען די קאפ פון דאס לערנען ביז סאָושעל מידיע אדיקשען און טשעפערייען און חרם אויף די אינטערנעט, שאפט סעלפאון באנוץ דורך קינדער אין סקול פילע פראבלעמען פאר לערער, מנהלים און עלטערן. דאס נעמען א טריט צו אדרעסירן די שורש פון די פראבלעמען איז אמביציעז און וועט אן א ספק ארויסברענגען קריטיק פון שילער און עלטערן וועלכע האלטן אז שילער דארפן ערלויבט ווערן צו נוצן סעלפאונס אין שולע. גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארגעשלאגענע פלאן וועט גיבן פאר סקול דיסטריקטס די מעגליכקייט צו אויפקומען מיט א פלאן וואס ארבעט פאר זייער דיסטריקטס — נישט איין פלאן וואס דארף ארבעטן פאר יעדן. א פארשפרעך צו צושטעלן פינאנצירונג צו ארויסהעלפן שולעס ביים איינפירן זייער פלאן איז קריטיש און מאכט די פארשלאג מעגליך צו דורכפירן פאר סקול דיסטריקטס. עס קוקט אויך אויס אז אזוי ווי יעדע דיסטריקט וועט קענען אויפקומען מיט זייער אייגענע פלאן צו איינפירן די פאליסי, וועט יעדע דיסטריקט האבן די מעגליכקייט צו צופאסן זייער פלאן צו אדרעסירן סיי וועלכע אנגעלעגנהייטן און/אדער מאכן פארבעסערונגען דערצו. דיסטריקטס וועלן אויך פארלאנגט ווערן צו אדרעסירן די מעגליכקייט פון עלטערן זיך צו קענען פארבינדן מיט זייערע קינדער דורכאויס די טאג אין שולע, א זאך וואס וועט העלפן אדרעסירן זארגן פון עלטערן. אזוי אויך, דורכן פארלאנגען פון דיסטריקטס צו האבן א פלאן, האט די סטעיט געגעבן פאר דיסטריקטס די מעגליכקייט צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייטן אזוי ווי זיי זעהען פאסיג מיט די שטיצע פון די סטעיט אָוו ניו יארק. דאס ארבעטן צוזאמען אויף די וויכטיגע נושא וועט מאכן די געוואונטשענע רעזולטאטן פיל גרינגער צו ערגרייכן."

**פון די אויפשטעלער פון די WNY Education Equity Task Force, Samuel L. Radford III (סעמיועל ל. רעדפארד, דער דריטער), האט געזאגט,** "אין אונזער ארבעט פאר גערעכטע עדזשוקעישען, מוזן מיר גיבן פריאריטעט פאר פאליסיס וועלכע טוהען נישט נאר רעדוצירן שטערונגען, נאר רעספעקטירן אויך די פארשידנארטיגע באדערפענישן פון אונזערע שילער, פאמיליעס און מחנכים. גאווערנער Hochul (האקול)'ס איניציאטיוו צו באגרעניצן סמארטפאון באנוץ אין שולעס איז אין איינשטימונג מיט אונזער געמיינזאמע ציהל צו שטופן פאר אטמאספערעס וואו שילער קענען בליהען מיט דאס לערנען, געזעלשאפטליך און עמאציאנאל. אבער אלס איינע פון די אויפשטעלער פון די WNY Education Equity Task Force, האבן מיר געשתדל'ט פאר א צוגאנג מיט מער איינצלהייטן — א צוגאנג וואס נעמט אריין שטימעס פון די קאמיוניטי, שטופט פאר פאראנטווארטליכע באנוץ מיט טעכנאלאגיע און פארזיכערן די זיכערהייט און צוטריט פאר אלע שילער. צוזאמען קענען מיר שאפן לערנען אטמאספערעס וואס זענען סיי קאנצענטרירט און סיי נעמען אריין יעדן איינעם."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן